# לעקסיקאָגראַפֿישס

ס׳איז זייער שיין צו הערן אַזוי פֿײַן אײַנגעסדרט ״וואָס מיר האָבן און וואָס אונדז פֿעלט״, ספּעציעל ווען סע גייט אין לעקסיקאָגראַפֿיע, אַ געביט ווו, ווי באַקאַנט, ווערט אַ ווערטערבוך אין אַ גרויסער מאָס געמאַכט אויפֿן סמך פֿון פֿריִערדיקע ווערטערביכער (לעקסיקאָגראַפֿיע גוררת לעקסיקאָגראַפֿיע). מע וואָלט געקענט ווײַטער דיסקוטירן די דעטאַלן פֿון דער געשיכטע, אָבער אפֿשר איז כּדאַיער צו קוקן ווײַטער אויף די ״פּאַרמעסטן״, אויף דעם וואָס מיר האָבן נאָך ניט און וואָס מיר דאַרפֿן טאָן און ווי אַזוי; ווײַל כאָטש עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק אַז דווקא די נײַסטע אויפֿטועו זענען די בעסטע און שענסטע, קען מען / וואָלט מען גדאַרפֿט גיין נאָך אַ סך ווײַטער אויף די וועגן פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע, און ס׳איז דאָ פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען און מאָמענטן וואָס מאַכן עס שווער.

יצחק, דו האָסט דערמאָנט דעם פֿאַקט, אַז די אַלע ווערטערביכער האָבן געמאַכט ניט קיין אויסגעשולטע לעקסיקאָגראַפֿן. דאָס שרעקט מיך ניט אַזוי: פֿון אַנדערע שפּראַכן ווייסן מיר אויך, אַז די בעסטע און וויכטיקסטע ווערטערביכער האָבן אויך געמאַכט פּראָסטע ״מענטשן״ - ניט קיין ״לעקסיקאָגראַפֿן״, און אַחוץ דעם קען מען זיך באַקענען מיט אַ ביסל טעאָריע, אויב מע דאַרף.

איך האַלט אָבער אַז די באַדינגונגען פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע, אירע הויפּט־גורמים האָבן זיך זייער שטאַרק געביטן און אַז מיר זענען אין אַ צײַט וואָס פֿאָדערט, מע זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן זיי. איך אַוודאי, ווײַל איך אַרבעט ווײַטער אויף אַ ווערטערבוך, וואָס מע דאַרף ערשט דרוקן, – קען איך פֿון דעם האָבן אַ געווינס אויף אַ גאָר דירעקטן אופֿן - און איך קען אילוסטרירן די פֿראַגעס מיט אַ פּאָר בײַשפּילן פֿון מײַן פּראַקטיק אָדער פֿון דעם ״ייִדיש־פֿראַנצייזישן ווע״ב״, אין וועלכן איך האָב אַ ביסל מיטגעאַרבעט, אַזוי אַז איך פֿיל אַז איך מעג. בײַשפּילן זענען קליינטשיקע דעטאַלן מיט אין פֿלוג נישטיקע פֿראַגעס, מע דאַרף געדענקען אָבער אַז אַזאַ אַרבעט ווי די ווערטערבוך־אַרבעט איז אַחוץ דעם קלוגן אַרומנעמיקן פּלאַן וואָס מע וויל אים אויספֿילן, אַ ריזיקע זאַמלונג פֿון באַשלוסן וועגן מינימאַלסטע פֿראַגעס, אָן אַ שיִעור דעטאַלן, וואָס יעדער האָט צו טאָן מיט גרעסערע שפּראַכיקע ענינים, אָבער וואָס איז אויך אַ ספּעציפֿישע פֿראַגע פֿאַר זיך – און בײַ יעדן איינס פֿון ווערטערבוך קומען זיך צונויף עטלעכע אַזעלכע דעטאַלן, וואָס פֿאָדערן מע זאָל אַנטשיידן אַזוי צי אַזוי, און געוויינטלעך אויב באַשליסן בײַ צענטויזנטער ווערטער, דאַרף מען באַשליסן יעדע זאַך זייער גיך.

איך וויל ניט רעדן וועגן די טעכנישע באַדינגונגען, ווײַל דאָס איז, דאַכט זיך אַלעמען קלאָר, אַז די טעכנישע באַדינגונגען זענען געוואָרן אַנדערע, און אַז דער טעכנישער איבערבראָך האָט פֿאַר אַלע אונדזערע ווערטערביכער געבערענגט צוגאָב־פּראָבלעמען וואָס זענען נאָך ניט געלייזט אין גאַנצן. קאַטאַסטראָפֿעס וואָס עס האָבן געברענגט די דיגיטאַלע מכשירים האָבן שוין געטראָפֿן דעם ״גרויסן ווערטערבוך״ און מיר זענען אויך נאָך נישט אין גאַנצן אַרויסגעקראָכן, אָבער אַז דאָס איז אַן אָנזאָג פֿון פֿאַרבעסערטע מעגלעכקייטן, און מער ווי אַן אָנזאָג, דאָס ווייסן מיר, און דווקא דער פּראָיעקט וואָס האָט אונדז הײַנט צונויפֿגעברענגט אין אַמסטערדאַם ווײַזט אַ וועג – און ס׳איז נישט פֿאַר מיר דאָס צו באַשרײַבן און אַפֿילו ניט צו אַנאַליזירן צי מע קען דאָס באַלד פֿאַראַלגעמיינערן פֿאַר אַלע אונדזערע פּראָיעקטן, צי מע דאַרף דאָ און דאָרטן נאָך אַדאַפּטירן די מיטלען. איך וויל רעדן וועגן צוויי אַנדערע אַספּעקטן וואָס זענען אויך אַנטשיידנדיק, דהײַנו: ווער מאַכט אָדער וועט מאַכן ווערטערביכער און צווייטנס: פֿאַר וועמען מאַכט מען?

די פֿראַגע ווער עס מאַכט ווערטערביכער איז נאָך ניט קלאָר פֿאַרענטפֿערט מיט דעם וואָס דער וואָס מאַכט איז ניט קיין לעקסיקאָגראַף. ווער עס קוקט אויף מיר אין פֿאַרגלײַך מיט די מחברים פֿון פֿריִערדיקע ווערטערביכער, וועט באַלד זען אַ גרויסן אונטערשייד. מע שטעלט זיך פֿאָר אַז דער וואָס מאַכט אַ ווערטערבוך איז אַליין אַ גוואַלדיקער קענער פֿון דער שפּראַך און אַז בײַם רעדאַגירן די באַזונדערע אײנסן פֿון ווערטערבוך קען ער זיך סומך זײַן אויף אַ טיפֿער קענטעניש פֿון מאַמע־לשון ווײַל ער האָט געלעבט פֿון קינדווײַז אויף אין אַ ייִדיש־שפּראַכיקער סבֿיבֿה, זיך געלערנט אין אַ וועלטלעכער ייִדישער שול, זיך באַשעפֿטיקט מיט אַלע אַספּעקטן פֿון דער ליטעראַטור און געשמועסט אויף ייִדיש מיט מענטשן פֿון כּלערליי פֿאַכן. אַזאַ מענטש קען אַ קולטורעלן ייִדיש אויפֿן העכסטן ניוואָ, און זיכער קען ער אַנדערע שפּראַכן גאַנץ גוט – ס׳קען זײַן אַז אויף דעם אָדער יענעם באַגרענעצטן געביט קען ער זיך אַפֿילו בעסער אויסדריקן אויף אַן אַנדער שפּראַך, אָבער דאָס קומט אַלץ נישט צו זײַן ייִדיש.

איך למשל, האָב דאָס ניט געהאַט... און עס איז זייער שווער צו קאָמפּענסירן אַזאַ בלויז. דאָס פֿאַרגעסט מען, ווײַל מע מיינט אַז די אינטערנעצן גיבן אונדז אַ צוטריט צו אַלעמדינג. ס׳איז אָבער ווײַט ניט די זעלביקע זאַך. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס מע קען טאָן מיט אַזאַ מוטערשפּראַך וואָס מע האָט זיך אין איר אויפֿגעהאָדעוועט און וואָס מע פֿילט אַז מע האָט פֿאַר איר אַ זיכערן חוש – אָבער איר וועט מיר גלייבן צי ניט? איך בין זייער שטאָלץ וואָס מע האָט מיך געבעטן אָנטייל צו נעמען אין ייִדישע ווערטערבוך־פּראָיעקטן וואָס איך האַלט אַז זיי זענען טאַקע צווישן די בעסטע פֿון דעם לעצטן פּעריאָד וואָס יצחק האָט באַשריבן, איך האָב זיך אונטערגענומען אַליין אָנצופֿירן מיט אַ פּראָיעקט וואָס איך האָף אַז ער וועט זײַן ווידער אַ (קליינער) טריט פֿאָרויס אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע... אָבער איך ווייס אַז מײַן ייִדיש קומט נישט צו מײַן פֿראַנצייזיש און: מע האָט בײַ מיר נאָך קיין מאָל ניט געבעטן איך זאָל מיטאַרבעטן אין אַ פֿראַנצייזישן ווערטערבוך! קיין מאָל נישט!

דאָס דאַרפֿן מיר האַלטן אין זינען און פּרוּוון זיך באַוואָרענען פֿאַר ספֿקות און שוועריקייטן, וואָס אין אַנדערע שפּראַכן וואָלט מען זיי גרינגער געקענט גובֿר זײַן (צווישן די ווערטערביכער וואָס יצחק האָט אויסגעציילט זענען דאָ בײַשפּילן פֿון ווערטערביכער געמאַכטע ניט פֿון קיין גוואַלדי־קע קענערס פֿון דער שפּראַך – און כאָטש מע האָט ניט געזאָגט ״גוט״, ״שלעכט״ אָדער ״ערגער״, מעג מען פֿאָרט זאָגן אַז אין געווויסע ערטער, זעט זיך עס אָן).

[הײַנט צו טאָג איז זייער שווער צו פּסקענען צווישן צוויי בכּבֿודיקע אויטאָריטעטן וואָס שטייען אין אַ סתּירה: דאָ ניט לאַנג האָט מיר יוסטוס אָנגעוויזן אויף דעם אַז מײַן טראַנסקריפּציע פֿון ״אבֿן־שתיה״ (אין ״אוצר״) שטימט ניט מיטן אַרויסרעד וואָס ״דער גרויסער ווערטערבוך״ גיט אָן, מיטן קוועטש אויפֿן טראַף /שע/... ער שטימט אָבער יאָ מיטן ״אוצר״ וואָס ווײַזט אָן מיט אַ חיריק אַז ער וויל מע זאָל אַקצענטירן דעם טראַף /סי/ . בײַ וועמען זאָל מען פֿרעגן, אַז אין ״גראַמען־לעקסיקאָן״ געפֿינט מען דאָס וואָרט נישט דאָ און נישט דאָרטן? און הערן הערט מען עס זעלטן? אפֿשר בײַ חרדים בײַ וועלכע עס איז אַ שטיין אויף וועלכן מע שטויסט זיך אָן טאָגטעגלעך?]

אָבער נאָך וויכטיקער איז די השפּעה פֿון דעם באַניצער פֿון דעם ווערטערבוך... אָדער בעסער פֿון דעם ״אינטענדירטן״ באַניצער, פֿון דעם וואָס מע שטעלט זיך פֿאָר, אַז ״פֿאַר אים אַרבעט איך״. מיר האָבן צווישן די ווערטערביכער וואָס יצחק האָט אויסגערעכנט עטלעכע, וואָס לאָזן קלאָר דערקענען פֿאַר וועמען מע האָט זיי געמאַכט.

דער ״אוצר״ איז דער עיקר געמאַכט פֿאַר אַ מענטש וואָס נישט נאָר ער קען ייִדיש זייער גוט, נאָר ער שרײַבט אויף ייִדיש: ער איז אַ מחבר און ער וויל געפֿינען אין ווערטערבוך אַ וואָרט וואָס ער קען שוין, וואָס איז אָבער זעלטן און פֿאַלט אים פּונקט נישט אײַן. לויטן באַטײַט וואָס ער ווייסט אים שוין, וועט ער אַוודאי געפֿינען (אויב דאָס וואָרט, אָדער דער אויסדרוק, אָדער דאָס שפּריכוואָרט איז נאָר פֿאַרצייכנט). מיר בעטן בײַם ״אוצר״ אָפֿט מאָל גאָר עפּעס אַנדערש, למשל מיר פֿרעגן בײַ אים: ווו איז דאָס־אָ וואָרט בײַ דיר? און וואָס מיינט עס? אויף דעם קען און וויל דער ״אוצר״ נישט ענטפֿערן, דערפֿאַר איז נישטאָ קיין אינדעקס פֿון אַלע ווערטער: ס׳איז ניט זײַן עסק!

אַגבֿ סטוטשקאָוו האָט אַלע מאָל אין זינען נאָר דעם מחבר וואָס וויל שרײַבן אויף ייִדיש - פּונקט פֿאַר אַזאַ באַניצער איז אויך געמאַכט זײַן ״גראַמען־לעקסיקאָן״. אַ ווערטערבוך, ווו מע קען יאָ געפֿינען אַלץ וואָס מע זוכט, וואָס זאָגט אָבער בכלל גאָרנישט וועגן דעם באַטײַט פֿון אַ וואָרט! פֿאַר דעם סאָרט באַניצער מאַכן מיר שוין נישט קיין ווערטערביכער, מיר מוזן זיך באַגנוגענען מיט דעם וואָס איז דאָ – אָדער פּרוּוון דינען אַלעמען... אָבער אויך דער ״גרויסער ווערטערבוך״ איז געמאַכט פֿאַר געבוירענע ייִדיש־רעדער מיט אַ גרויסער דערפֿאַרונג אין לייענען. געוויסע ווערטער האָבן דאָרטן אַ שלל מיט באַטײַטן וואָס ווערן באַשריבן נאָכאַנאַנד אין אַ סדר וואָס ווערט אין ערגעץ ניט דערקלערט, אָן אַ היעראַרכיע, אַזוי אַז ווער עס קען ניט לייענען דיאַגאָנאַל זיך צו אָריִענטירן גיך אין אַ געדיכט זײַטל – קען עס קוים ניצן. דאָס האָט מען געוווּסט פֿאַר ווען מען מע מאַכט, און צווישן די־אָ מענטשן האָט מען געזוכט אַבאָנענטן און פּרענומעראַנטן... ס׳איז אָבער הײַנט קלאָר אַז מע מוז נעמען אין באַטראַכט אַנדערע לייענערס אָדער באַניצערס פֿון אַ ווערטערבוך (ווײַל פֿאַר דעם האָט מען אויסגעשעפּט שוין די פּאָטענציעלע פּרענומעראַנטן).

ס׳איז דאָ נאָר איין ווערטערבוך פֿון די אויסגערעכנטע ביז אַהער, וואָס איז קלאָר אָנגעצילעוועט אויף ייִדיש־לערנערס, דהײַנו ווײַנרײַכס ״מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך״. ס׳איז ניט נאָר ״מאָדערן״, ס׳האָט אַ קלאָר בילד פֿון דעם באַניצער: אַ סטודענט וואָס וויל אויך אַקטיוו שרײַבן אויף ייִדיש, נאָר וואָס: נישט אין גראַמען און נישט מיט אַ רײַכער שפּראַך, מיט חנעוודיקע לאָקאַליזמען און מיט באַשרײַבונגען פֿון טיפּישע אַלטפֿרענקישע מיזרח־אייראָפּעיִשע מעבל און מאכלים – ניין: זײַן באַניצער דאַרף שרײַבן אַקאַדעמישע אַרבעטן פֿאַר זײַן ייִדיש־לערער, ער וועט געפֿינען אַלע טערמינען וואָס ער דאַרף אין ערשטן סעמעסטער צו באַשרײַבן זײַן אַמעריקאַנער לעבן און זײַנע חלומות וועגן אינטערפּלאַנעטאַרישע רײַזעס; אין אַ שפּעטערדיקן לערניאָר געפֿינט ער אַלע טערמינען וואָס ער דאַרף צו כאַראַקטעריזירן די פּסיכאָלאָגיע פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון אַ ייִדישער דערציילונג אָדער די ליטעראַרישע טעכניק פֿון אַ ייִדישן פּאָעט.

אײַ – אויף צו לייענען די ליטעראַטור איז ער שוואַך און בפֿירוש צו קליין? יאָ אמת, אָבער ער ווייסט פֿאַר וואָס.

מיר קענען ווידער אַזוי שוין נישט אַרבעטן. מיר ווילן אויסטאָקן אַ ווערטערבוך וואָס וועט העלפֿן אַלע וואָס ווען עס איז באַשליסן צו נעמען אַ ייִדיש ווערטערבוך אין האַנט. מיר ווילן זיי אַלץ געבן וואָס מיר קענען נאָר... אין באַגרענעצטן גערעם פֿון דעם באַנד וואָס מיר קענען דרוקן אָדער פֿון אונדזערע מעגלעכקייטן צו באַהאַנדלען פֿאַרשיידענע טעמעס. ווײַל מיר האָבן אין זינען אַן אוניווערסאַל ווערטערבוך וואָס דאַרף אַלעמען דינען, און ווײַל מיר ווילן צוגעבן עס זאָל

ווערן נאָך בעסער, – טאָ מוזן מיר פּרוּוון אויסברייטערן דעם מאַטעריאַל גלײַכמאָסיק: אַרײַננעמען אָפּטערע ווערטער פֿרִיער פֿאַר זעלטענערע, צוגעבן פֿון אַלע מינים: פֿון די דיאַלעקטיזמען אַ ביסל, פֿון די נײַמאָדנע ווערטער צו ביסלעך, פֿון די דעריווירטע ווערטער וואָס אַ קליין ווערטערבוך לאָזט יעדער זאָל טרעפֿן אַליין, פֿון די זעלטענערע באַטײַטן פֿון די ווערטער וואָס זענען שוין דאָ אאַ״וו.

לאָמיר זיי אָבער אָנקוקן, אונדזערע באַניצערס. ווער זענען זיי, וואָס דאַרפֿן זיי?

1) מיר האָבן שוין דערמאָנט די לייענערס פֿון ליטעראַטור: זיי דאַרפֿן אַוודאי מער ווערטער, צווישן די וואָס קומען פֿאָר זעלטן, און צוליב דעם האָט מען אַ ברירה זיי נישט צו קענען. מע וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלן אַז פֿאַר זיי וואָלט געהאַט אַ שׂכל אַרײַנצונעמען אַלע ווערטער וואָס געוויסע מחברים אָדער געוויסע קאַנאָנישע ווערק פֿאַרמאָגן (אַחוץ פּאָעטישע נעאָלאָגיז־מען).

לאָמיך אײַך געבן אַ פּשוטן בײַשפּיל: דאָס וואָרט ״טײַך״ שטייט אין וו״ב, ס׳איז ״דער טײַך״ מ״צ ״טײַכן״. ביז אַהער זענען אַלע מסכּים... און צוליב פֿאַרשיידענע סיבות איז עס זייער וויכטיק דאָס וואָרט זאָל ווערן דערקלערט אין וו״ב ווײַל ס׳איז אַ ״פֿאָז־אַמי״ לגבי דײַטש... ס׳איז וויכטיק מע זאָל צוגעבן די גראַמאַטישע פּרטים, אַפֿילו פֿאַר אונדזער לייענער פֿון ליטעראַטור, – פֿאַר אַנדערע באַניצערס נאָך מער. וואָס איז אָבער מיט דיאַלעקטישע וואַריאַנטן? ס׳איז דאָ אַ זעלטענע מערצאָל ״טעכער״ וואָס קומט פֿאָר אין ביאַליקס אַ ליד, אַ געשריבנס אויף יִדיש, נח פּרילוצקי האָט דאַכט זיך דער ערשטער זיך אַרומגעקוקט דערויף, ד. סדן האָט עס קאָמענ־טירט, שמואל ווערסעס האָט עס עקסטרע דערמאָנט אין דער ״גאָלדענער קייט״ אין זײַן רע־צענזיע פֿון דבֿ סדנס בוך וועגן ביאַליק, עטלעכע ערטער ווו עס פֿלעג זײַן גאַנגבאַר קען מען איצט געפֿינען אין ״יִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס״, עס קומט אויך פֿאָר בײַ ״דער ניסתּר״ – – – אָבער דער עיקר איז דאַכט זיך דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר (צום גראַם) אין ביאַליקס אַ יִדישן טעקסט. מע וועט זיכער אַלע פֿאָר יאָר דערמאָנען אַז ביאַליק האָט אויך געשריבן אויף יִדיש און אַרײַנקוקן אין די טעקסטן וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿון זײַן פּען, זאָלן זײַנע ווערטער שטיין אין ווערטערבוך, עמעצן וועט עס אַוודאי קומען צו נוץ.

פֿאַרקערט טויג אָבער אויך נישט, איך זאָל שרײַבן אַז ״טײַך״ האָט אי אַ מ״צ אַזאַ, אי אַ מ״צ אַזאַ: איך דאַרף אַ היעראַרכיע. מײַן באַניצער נ״ר איינס מאַכט אפֿשר נישט אויס, וואָס איך רעקאָמענדיר און וואָס איז אָפֿט און וואָס איז זעלטן, איך דאַרף אָבער אויך באַדינען מײַנע באַניצערס נ״ר 2, 3 אאַ״וו וואָס דאַרפֿן עס יאָ!... איז: וואָס טוט מען?

[צוליב דוחק אין צײַט לאָז איך אײַך טראַכטן און איך באַשרײַב באַלד דעם צווייטן באַניצער]

2) דאָס איז טאַקע אַ שרײַבער. איינער וואָס וויל שרײַבן אויף יִדיש און ער דאַרף קלאָרע אָנווײַזונגען, אויב איך זאָג אים אַז אַלע ווערטער קענען האָבן צוויי פֿאַרשיידענע מינים און דרײַ פֿאַרשיידענע מערצאָלן, וועט ער פֿאַרלירן יעדע זיכערקייט און ער קען, חלילה, אָנווערן דעם צוטרוי צו זײַן / מײַן ווערטערבוך... אים דאַרף מען זאָגן אַקוראַט ווי אַזוי צו שרײַבן. ער וויל אַוודאי דעם כּלל־יִוואָ־אויסלייג, דעם כּלל־יִדישן מין און די כּלל־יִדישע מ״צ. אַנדערש געזאָגט: ער דאַרף אַ נאָרמאַטיוו ווערטערבוך. אָבער די פּראָבלעם האָב איך שוין דערמאָנט מיטן בײַשפּיל ״טעכער״. לאָמיך ווײַזן אויף אַן אַנדער זאַך. ס׳איז נישט אַלע מאָל גרינג צו באַשטימען וואָס איז די פֿאָרם וואָס מע דאַרף רעקאָמענדירן און פֿאַרכּללן.

דערצו האָב איך אַן אַנעקדאָט וואָס האָט געטראָפֿן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. מישנדיק אין ווערטערבוך צוליב אַן אַנדער סיבה שטעל איך זיך אָפּ אויפֿן ווערב "שמינקען", זע איך אַז אונדזער וו"ב הייסט קאָניוגירן "איך שמינקע" און ניצן אַ פּאַרטיציפּ "געשמינקעט". בין איך פֿאַרציטערט געוואָרן. איך זאָג דאָך - אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל - "געשמינקט" און איך "שמינק". טאָמער בין איך דורכגעפֿאַלן מיט אַ מיאוסן דײַטשמעריזם?

פּרוּוו איך דערגיין פֿון וואַנען עס איז גענומען דעם ווערטערבוכס באַשלוס, אַז אין דער ליטעראַטור איז דאָס וואָרט פֿאָרט רעלאַטיוו זעלטן. גיב איך אַ קוק אין "גרויסן ווערטערבוך" דאָרטן (א) איז נישטאָ "שמינקען", אָבער אין ערשטן באַנד געפֿין איך "אויסשמינקען" ("אויסגעשמינקעט"), אין 2טן באַנד "אומשמינקען" ("אומגעשמינקעט" אָדער "אומגעשמינקט"), אין דריטן באַנד "אָנשמינקען" (נאָר "אָנגעשמינקט") און אין פֿערטן באַנד "אָפּשמינקען" (נאָר "אָפּגעשמינקעט"). ס'איז דאָ אַ קלײנע מערהייט פֿאַר דער פֿעסטער עין אָבער ווי באַלד סוצקעווער שרײַבט

- יעדער מאָל אַז כ'וואַרף אַרײַן אַ לעבעדיקן בריוו

צווישן די געשמינקטע גאַסנליפּן פֿונעם קעסטל, [...]

מוז מען אָננעמען אַז בײדע קאָניוגאַציעס זענען מותּר, און זאָל דער וואָס באַדאַרף אַן אײנטײַטשיקן באַשלוס ווײַטער ניט ווייסן!

איר וועט אפֿשר זאָגן: וואָס איז דער אויפֿטו? אויב איך גיב אים נאָר אײן וואַריאַנט, וועט דער "לייענער" נ"ר 1 סײַ־ווי פֿאַרשטיין, און דער "שרײַבער" נ"ר 2 וועט ניט באַגיין קיין חטא...

3) איז דאָ אָבער אַ באַניצער נ"ר 3 אויך: דער "אַרויסגעבער", וואָס וויל גרייטן צום דרוק אַ פֿרעמדן טעקסט, און וויל דערהײַנטיקן דעם אויסלייג לויט אַלע כּללים פֿון ייִוואָ; – פֿאַר אים איז ניט גענוג איין קאָרעקטע פֿאָרם, ער דאַרף וויסן וועלכער אויסלייג איז פֿאַלש און וועלכער איז אַ וואַריאַנט. אויב ער באַמערקט אַז "געשמינקט" איז קעגן דער ווערטערבוך־נאָרמע קען ער חלילה פֿאַרריכטן סוצקעווערס אויסלייג, אַרײַנשמוגלען אַן עין אין דער שורה און מיט דעם צוגאָב־טראַף אין גאַנצן קאַליע מאַכן דעם ריטעם!

ווען אָבער ס'איז טאַקע נאָר אַ פֿראַגע פֿון אויסלייג, מוז ער אי געפֿינען דאָס וואָרט, אי זיך דערוויסן, וועלכער אויסלייג איז ריכטיק... אָבער דאָס איז אַ באַקאַנטע פּראָבלעם, אויך דאָ זענען די לייזונגען דערווײַל ניט פּערפֿעקט, איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן.

4) אַן אַנדער באַניצער (אַ קרובֿ פֿונעם פֿריערדיקן) איז דער וואָס "טראַנסקריבירט" אַ טעקסט פֿון אַ רעקאָרדירונג און הערט אַ וואָרט וואָס ער דערקענט ניט. פֿאַר אים וואָלט געווען נוציק אַ פֿאָנעטישער וואַריאַנט פֿון די ווערטער וואָס זענען ניט געשריבן פֿאָנעטיש. דאָס געפֿינט מען טיילווײַז אינעם ייִדיש־ענגלישן ווערטערבוך פֿון באָכנער, בײנפֿעלד עט קאָמפּ' (און ס'איז אַ פּונקט פֿאַר די טראַנסקריבירטע ווערטערביכער... כאָטש זיי זאָגן געווײנטלעך ניט ווי מע דאַרף שרײַבן באמת).

5) אַ פֿינפֿטער באַניצער פֿון ווערטערביכער איז דער "איבערזעצער". אים דאַרף מען געבן צו פֿאַרשטיין דעם באַטײַט פֿון וואָרט אין זײַן גאַנצן מהות, ער זאָל קענען דערקענען, וואָס איז דער מיין פֿון דעם טעקסט וואָס ער פּרוּווט פֿאַרשטיין, כּדי זיך צו דערטראַכטן צו אַ פּאַסיקן עקוויוואַלענט אין דעם קאָנטעקסט וואָס ער זעט פֿאַר די אויגן. פֿאַר אים קען זײַן זייער נוציק צו האָבן אַ בײַשפּיל (אָדער עטלעכע) מיט אַ טיפּישן קאָנטעקסט, אַ ציטאַט הייסט עס, ווי עס איז

אין דעם ״וו״ב פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש״, אָבער דערווײַל אין צוויי־שפּראַכיקע וו״בב נישטאָ.

6) אַזעלכע ציטאַטן זענען אויך זייער גוט פֿאַר אַ ״ליבהאָבער״ – אַ לייענער וואָס מישט אין ווערטערבוך גלאַט אַזוי, לשם הנאָה, נישט האָבנדיק אין זינען קיין אַנדער טעקסט, נישט קיין געשריבענעם און נישט קיין טעקסט וואָס ער דאַרף אים ערשט שרײַבן. ס׳איז אַ סך אײַנגענעמער צו לייענען אַ וו״ב מיט ציטאַטן ווי די זייער קורצע דערקלערונגען פֿון טיפּישע איינסן (אין אַ צווייִשפּראַכיק וו״ב), ווער רעדט נאָך, אַז אונדזערע ווערטערביכער האָבן געוויינטלעך נישט קיין אָרט פֿאַר שפּריכווערטער אַפֿילו.

אײדער איך קום צו מײַן לעצטן טיפּ באַניצער וואָס איך וויל אײַך פֿאָרשטעלן וויל איך אָבער אונטערשטרײַכן אַז ציטאַטן קענען האָבן אַ סך נוציקע אַספּעקטן און אַז פֿאַר אַלע באַניצערס קענען זיי באַרײַכערן זייער אופֿן צו פֿאַרשטיין אַ וואָרט און נישט נאָר צוגעבן הנאָה.
די ווערטערביכער גיבן איבער אָן אַ שיִעור אינפֿאָרמאַציעס אין אַ קאָמפּאַקטער פֿאָרעם, וואָס איז אַזוי פֿאַרצימצומט, אַז מע קען זי גרינג פֿאַרזען. אַ ציטאַט קען, אַפֿילו אויב אין גרונט חזרט ער בלויז איבער אַן אינפֿאָרמאַציע, אין אַ סך פֿאַלן ערשט קלאָר מאַכן עפּעס... און פֿאַרקערט, ער קען צוגעבן אַ וואַריאַנט וואָס איז ניט באַשריבן, ווײַל ער איז קעגן דעם כּלל... איך וויל דערמאָנען איין פֿאַל, ווען איך האַלט אַז אַ ציטאַט קען זײַן נוציק בלויז דורכן איבערחזרן אַן אינפֿאָרמאַציע: וועגן מאָרפֿאָלאָגיע גיט דאָס ווערטערבוך (לויטן מוסטער וואָס ווײַנרײַך האָט אײַנגעפֿירט) אינפֿאָרמאַציעס וועגן באַזונדערקייטן, דער נאָרמאַלער פֿאַל ווערט ניט ספּע־ציפֿיצירט. אַ ווערב וואָס מע קאָניוגירט מיטן הילפֿווערב ״זײַן״ – ווערט עס צוגעגעבן, – אויב מיט ״האָבן״ גילט עס פֿאַר ״נאָרמאַל״, שטייט עס נישט. אַ דימינוטיוו אָדער אַ קאָמפּאַראַטיוו וואָס פֿאָדערט אַ געביטענעם וואָקאַל ווערט אויסגעשריבן. אַניט איז ער ״רעגולער״ און דאָס וו״ב שווײַגט.
אין די פֿאַלן ווו דער באַניצער קען דײַטש (אַ ביסל אָדער אַ סך) און דײַטש איז אַנדערש ווי ייִדיש, איז כּדאַי צו ווײַזן ווי נאָרמאַל אַ וואָרט איז.
למשל וואָלט איך צוגעגעבן בײַם אַדיעקטיוו ״שטאַרק״ אַזאַ ציטאַט פֿון ש״ע:
״העכער, שייגעץ איינער! – טרײַבט מיך אונטער דער רבי. – שטאַרקער!״
זאָל דער לייענער הנאָה האָבן, און אויך געדענקען אַז מע זאָגט טאַקע ״שטאַרקער״ (ניט ווי אויף דײַטש ״*שטערקער״).

אָדער איך וואָלט בײַם ווערב ״ציִען״ געברענגט אַזאַ ציטאַט פֿון סוצקעווער:
... אַ בינטל סאָפּענדיקע שאָטנס – האָבן מיר געצויגן בײַ נאַכט איבער די האַלב פֿאַרפֿרוי־רענע זומפּן, [...]
זאָל מען געדענקען אַז אַפֿילו אין דעם באַטײַט, קאָניוגירט מען ״ציִען״ מיטן הילפֿווערב ״האָבן״.
כּל זמן אונדזערע וו״ב זענען קליין, קען דער באַניצער מיינען אַז מע האָט פֿאַרגעסן אים צו זאָגן אַנדערש... און אַז זיי ווערן גרויס, קען מען זיך פֿאַרגינען אויסזאָגן קלאָרער וואָס און ווי!

7) אָבער דעם באַניצער וואָס מיר דאַרפֿן הײַנט אַלע האָבן אין זינען איז קיינער ניט פֿון די זעקס! דער 7טער איז וויכטיק: דער לעקסיקאָגראַף!... ער איז אַוודאי צופֿרידן מיט ציטאַטן, ספּעציעל ווען זיי אילוסטרירן אַזעלכע ווערטער און באַטײַטן וואָס זענען אין פֿריִערדיקע ווערטערביכער ניט געווען. אָבער ער דאַרף נאָך עפּעס, וואָס אַלע אַנדערע זוכן ניט: ווײַל ער מאַכט אַ ווער־

טערבוך אויפֿן סמך פֿון אונדזער שווייס און בלוט, וויל ער וויסן: וואָס איז דאָ נײַ. אין אַ דאַטן־באַזע איז מסתּמא רעלאַטיוו גרינג, אויב מע פֿאַרצייכנט וועלכע פֿון די ווערטער זענען פֿאַראַן אין דעם און יענעם, אַרויסצובאַקומען אַ רשימה פֿון אַלע ווערטער וואָס זענען דאָ, אָבער האַרקאַווי האָט זיי ניט. ווען איך ניץ דעם ייִדיש־יאַפּאַנישן ווערטערבוך וואָלט איך מיט דעם שוין געוווען זייער צופֿרידן: וועלכע ווערטער האָט אוטדאַ צוגעגעבן, וואָס האַרקאַווי האָט ניט. ער האָט געלייענט און זיך אַרײַנגעגריבלט אין די ווערטער וואָס אין די טעקסטן וואָס ער לייענט. צו עטלעכע פֿון זיי האָט ער אויסגעאַרבעט אַ יאַפּאַנישע דעפֿיניציע: ווו זענען זיי? וועלכע זענען זיי? צי זענען זיי בײַ מיר אויך שוין דאָ צי ניט? ער זאָגט עס ניט אויס!

אָבער וואָס איך בעט פֿון אַלע לעקסיקאָגראַפֿן איז מער פֿון דעם: איך וויל אויך וויסן וואָס האָט מען קאָריגירט, וואָס האָט מען פֿאַרבעסערט? און עס איז וויכטיק כאָטש פֿאַר קאָלעגן לעקסיקאָגראַפֿן צוצוגרייטן אַזעלכע רשימות. ערשטנס וועלן זיי קענען קריטיקירן אויב מע דאַרף, אָבער דער עיקר, זיי וועלן ניט מוזן אין גאַנצן איבערמאַכן די אַרבעט וואָס איז שוין דאָ, זיי וועלן, ווי אין אַן אמתער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט קענען ווײַטער אויפֿבויען אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַפּל וואָס מע האָט שוין דערגרייכט. אין אַ וועלט, ווּ די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע מאַכט דער עיקר צווייספּראַכיקע ווערטערביכער איז עס, לויט מיר, אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע וואָס מע דאַרף האַלטן אין זינען בײַ יעדער וו״ב־פּראָיעקט!